ה. בנוגע צו פירוש רש"י אין דער פרשה, איז דא די רש"י אין פרק מ"ז פסוק י"ז - בגמטריא טוב - "וינהלם בלחם בכל מקניהם בשנה ההיא". - רש"י איז מעתיק פון פסוק "וינהלם", און טייטשט אפ "כמו וינהגם", ד.ה. אז דאס איז פונקט ווי ס'וואלט געשטאנען א ג' אנשטאט דעם ל'. און ער ברענגט א ראי' לפירושו "ודומה לו אין מנהל לה, על מי מנוחות ינהלני". וואס ע"כ איז פרש"י.

וואס כוונה רש"י בפשטות איז, אז וויבאלד דאס איז דער ערשטער מאל וואס דער בן חמש למקרא געפינט דעם ווארט, און ער ווייסט ניט דעם פירוש פון דעם ווארט, זאגט אים רש"י אז דאס מיינט וינהגם - ער האט זיי געפירט. און וויבאלד אז רש"י זאגט אז וינהלם מיינט וינהגם, דארף ער ברענגען א ראי' צו זיין פירוש, ברענגט ער א ראי' פון "אין מנהל לה", און פון "על מי מנוחות ינהלני", אז דארטן איז דער פירוש אויך מלשון הנהגה.

דער פירש"י איז אבער דורש ביאור:

א) אז מ'גיט א קוק אין קונקורדנצי' זעט מ'ז ס'איז דא נאך ערשטער וואס ס'שטייט דער לשון פון ניהול, געפינט מען אז דער לשון איז דא נאך פאר אונזער פרשה, וואס דאס איז אין פ' וישלח (לג,יד) "ואני אתנהלה לאטי".

אבער דארטן טייטשט רש"י ניט אפ וואס מיינט אתנהלה. - ער שטעלט זיך אויף דעם פסוק בארוכה, און איז מבאר וואס מיינט "לאטי", און פארוואס שטייט א ה"א יתירה, אבער דעם פירוש פון דעם ווארט "אתנהלה" - זאגט ניט רש"י.

איז דאך ממ"נ, אויב דער בן חמש למקרא ווייסט דעם טייטש פון דעם ווארט, וואס דערפאר דארף דאס רש"י ניט מפרש זיין אין פ' וישלח, איז פארוואס דארף דאס רש"י מפרש זיין אין דער פרשה; און אויב דער בן חמש למקרא ווייסט ניט דעם טייטש פון דעם ווארט, האט אים רש"י געדארפט אפטייטשן דעם ערשטן מאל וואס ער טרעפט דעם ווארט - אין פ' וישלח, איז דאך ניט פארשטאנדיק פארוואס אין פ' וישלח זאגט ניט רש"י דעם פירוש פון דעם ווארט, און אין דער פרשה איז דאס רש"י מפרש?

ב) פארוואס דארף רש"י ברענגען צוויי ראיות; וממ"נ, אויב ס'איז גענוג איין ראי', דארף רש"י ניט ברענגען די צווייטע ראי', און אויב ס'איז ניט גענוג איין ראי', איז דאך אין לדבר סוף, איז פארוואס ברענגט רש"י צוויי ראיות?

ג) רש"י ברענגט איין ראי' פון ישעי', און די צווייטע ראי' פון תהלים - איז ניט פארשטאנדיק צוליב וואס דארף ער ברענגען די צווייטע ראי' פון תהלים, בשעה ער האט נאך א ראי' פון א פסוק אין ישעי', וואס ישעי' איז דאך פאר תהלים - וואס דערפאר ברענגט טאקע רש"י דעם פסוק אין מנהל לה פאר דעם פסוק על מי מנוחות ינהלני, ווארום ישעי' איז פאר תהלים - איז וואס דארף רש"י ברענגען א ראי' פון תהלים, בשעת ס'איז דא נאך א פסוק אין ישעי', וואס דער פסוק איז נאך פאר דעם פסוק אין מנהל לה, וואס דאס איז דער פסוק "ועל מבועי מים ינהלם" (ישעי' מט,י); איז פארוואס ברענגט רש"י די צווייטע ראי' פון תהלים און ניט פון דעם פסוק אין ישעי'?

ובפרט אז דער פסוק "על מבועי מים ינהלני" איז בדיוק אזוי ווי

- דער -

דער פסוק אין אונזער פרשה - "וינהלם", די גאנצע נפק"מ אז דא שטייט "וינהלם" (מיט א וא"ו), און אין ישעי' שטייט "ינהלם", כמא"כ דער פסוק "על מי מנוחות ינהלני", איז דאך ניט בדיוק אזוי ווי אונזער פסוק, ס'איז מער ניט וואס ער איז פון דעם זעלבן שורש, איז דאך נאכמער ניט פארשטאנדיק פארוואס ברענגט ער דעם פסוק פון תהלים, און ניט דעם פסוק פון ישעי' וואס איז פונקט ווי אונזער פסוק?

ד) ס'איז דא נאך א פסוק וואס ס'שטייט דער לשון ניהול, און מ'זאגט דאס יעדן טאג ביים דאווענען - "נהלת בעזך אל נוה קדשך" (בשלח טו,יג). און דארטן טייטשט רש"י "ל' מנהל, ואונקלוס תרגם ל' נושא וסובל, ולא דקדק לפרש אחר לשון העבריה". דארף מען פארשטיין דעם טעם צו די שינויים צווישן פירש"י דא און פירש"י אין בשלח:

(דאס וואס רש"י ברענגט ניט אין בשלח די ראיות וואס ער ברענגט דא - איז ניט קיין קושיא, ווארום ער פארלאזט זיך אויף דעם וואס ער האט געזאגט דא, אבער מ'דארף פארשטיין:)

(א) אין בשלח איז רש"י שולל דעם פירוש פון תרגום ל' נושא וסובל, און זאגט אויף דעם "ולא דקדק לפרש אחר לשון העבריה", משא"כ דא איז רש"י ניט שולל דעם פירוש התרגום "וזנינון"; רש"י האט דאך דא אויך געדארפט זאגן אז "לא דקדק לפרש אחר לשון העברית", און פארוואס איז ער דאס ניט שולל?

(ב) אזוי ווי רש"י זאגט דא "וינהלם כמו וינהגם" (ד"ה אזוי ווי ס'וואלט געשטאנען ג' אנשטאט דעם ל'), האט דאך רש"י געדארפט זאגן דארטן "נהלה כמו נהגה", איז פארוואס איז רש"י משנה און זאגט "ל' מנהל"?

מיט נאך כמה דיוקים, כפי שיתבאר לקמן. וכמדובר כמ"פ אז ס'דארף זיין פארשטאנדיק בפשטות צו א בן חמש למקרא, ביז אז מ'דארף ניט אנקומען צו קיינע מפרשים, ובפרט אז אלע מפרשים וואס איך האב געזען שטעלן זיך ניט אויף די קושיות. וכפי שיתבאר לקמן.

לשון [illegible]

בנוגע צו דעם ביאור אין רש"י: רש"י דארף ניט מפרש זיין דעם ווארט "אהנהלה", ווארום רש"י האט דאך געשריבן זיין פירוש אין לה"ק צו א בן חמש למקרא וואס פארשטייט לה"ק, איז וויבאלד ער פארשטייט לה"ק ווייסט ער אז ואהנהלה איז כלשון הליכה. ס'איז כערניט וואס בשעת ער איז מפרש דעם ווארט לאטי אז דאס מיינט נחת, זאגט ער בדרך אגב דעם ענין פון הליכה.

אבער דא קען מען ניט זאגן אז וינהלם מיינט מלשון הליכה, ווארום וואס איז שייך צו זאגן לשון הליכה בנוגע צו לחם? איז דאך דא ביי דעם חמש למקרא א קלאץ קושיא וואס מיינט דא דער ווארט וינהלם, און דערפאר דארף דאס רש"י מפרש זיין.

מ'קען אויך ניט זאגן אז וינהלם בלחם מיינט אז ער האט זיי געגעבן לחם, ווארום ס'שטייט שוין פריער "ויתן להם יוסף לחם", איז וואס דארף ער זאגן נאך אמאל אז ער האט זיי געגעבן לחם?

און אויב ער וויל דא מוסיף זיין אז אזוי איז געווען א גאנץ יאר - "בשנה ההיא", אויב אזוי דארף ער ניט זאגן נאכאמאל וינהלם בלהם, ער האט נאר געדארפט זאגן "ויתן להם יוסף לחם בסוסים וגו' בשנה ההיא", איז צוליב וואס דארף ער זאגן "וינהלם בלחם"? קען מען דאך ניט זאגן אז וינהלם בלחם מיינט אז ער האט זיי געגעבן לחם. עד"ז קען מען אויך ניט זאגן אז וינהלם בלחם מיינט אז ער האט אריינגעלייגט דעם לחם בפיהם.

און דערפאר זאגט רש"י "כמו וינהגם", אז ער האט זיי געפירט. וואס לכאו' איז דאך ניט פארשטאנדיק וואס איז שייך דער ענין פון הנהגה בנוגע צו לחם?

איז דער ביאור אין דעם: ביי לחם זאגט מען דאך (שפ"ח עה"פ "לחם לפי הטף" (פרשתנו כז, יב)) אז דרך הטף לפרר הלחם, און ווי דער בן חמש למקרא ווייסט פון זיך, אז ער קען זיך נוצן מיט דעם לחם ווי ס'דארף זיין, און ער קען אויך מקלקל זיין, וואס דערפאר איז שייך אין דעם הנהגה, ד.ה. אז יוסף האט זיי געגעבן דעם לחם אין אזא אופן אז ס'זאל ניט גיין לאיבוד, נאר מ'זאל דאס נוצן כדבעי.

ועי"ד ווי יוסף האט צוזאמען געקליבן די תבואה אין די שני השבע, אז "אוכל שדה העיר אשר סביבותי' נתן בתוכה" (מקץ מא, מח), ווי רש"י איז מפרש "שכל ארץ וארץ מעמדת פירותי', ונותנין בתבואה מעפר המקום, ומעמיד את התבואה מלירקב", וואס דערפאר איז דאך "הרקיבה הבואתם שאצרו חוץ משל יוסף" (רש"י שם נה) - זעט מען דאך דערפון אז יוסף האט גע'דאגה'ט אז די תבואה זאל ניט פארפאלן ווערן.

ועד"ז בשעת ער האט זיי געגעבן לחם איז געווען דער וינהגם, אז ער האט זיי ניט געגעבן דעם גאנצן לחם אויף א גאנץ יאר מיט איין מאל, ווארום ס'קען דאך זיין אז זיי וועלן דאס ניט אויסנוצן כדבעי,

- נאר -

הנחת הת' בלתי מוגה

נאר ס'איז געווען דער וינהגם – עד האט זיי מנהיג געווען אויף אזא אופן זיי זאלן אויסנוצן די הבואה כראוי.

און וויבאלד אז דער פירוש דא אין וינהלם איז ניט אזוי ווי דאס איז בפשטות – מלשון הליכה, נאר דער ענין פון הנהגה, דערפאר דארף רש"י ברייגנען א ראי' צו זיין פירוש. ער קען ניט ברייגנען א ראי' פון דעם פסוק "נהלת בעזך אל נוה קדשך", ווארום דארטן קען מען דאך זאגן אז דער פירוש פון נהלת איז מלשון הליכה, אז דער אויבערשטער האט זיי מוליך געווען בעזך אל נוה קדשך, און מ'דארף ניט זאגן אז מ'מיינט דעם ענין פון הנהגה.

און אויף דעם ברייגנט רש"י די ראי' פון דעם פסוק "אין מנהל לה". וואס דארטן קען מען ניט זאגן אז דאס מיינט הליכה, ווארום (מ'דארף אפי' ניט אנקומען צום המשך הפסוק "מכל בנים ילדה", נאר) וויבאלד אז ס'שטייט אין מנהל לה, איז אויב די כוונה איז צו אן ענין על הליכה, האט געדארפט שטיין אין מנהל עמה אדער אתה, אז ס'איז ניטא ווער ס'זאל גיין מיט איר (אע"פ אז מכל בנים ילדה), איז וויבאלד אז ס'שטייט אין מנהל לה, איז דאך פארשטאנדיק אז דער פירוש איז מלשון הנהגה, אז זי האט ניט קיין מנהיג און ס'איז דאך פארשטאנדיק אז ס'איז שייך דער ענין פון הנהגה בשעה מ'גייט מיט איינעם, ווארום מ'דארף איס מנהיג זיין, באווייזן די וועג וכו', ע"ד ווי ס'איז געווען דער עמוד הענן און דער עמוד האש.

די ראי' איז נאך אבער ניט גענוג, ווארום אע"פ אז מ'געפינט סאקע דעם ענין פון הנהגה בלשון פון מנהל, אבער דערפון איז נאך ניטא קיין ראי' אז ס'איז שייך הנהגה אין אן ענין פון אכילה, און דערפאר ברייגנט רש"י די צווייטע ראי' פון דעם פסוק "על מי מנוחות ינהלני", וואס דארטן רעדט זיך וועגן אן ענין פון מים – שתי', און מ'שטייט דער לשון ינהלני וואס דאס מיינט הנהגה, איז אזוי ווי ביי שתי' איז שייך דער לשון הנהגה, עד"ז איז פארשטאנדיק בנוגע צו אכילה אז ס'איז שייך אין דעם דער לשון הנהגה.

אבער דער פסוק "על מי מנוחות ינהלני" אליין, איז אויך ניט גענוג, נאר מ'מוז אויך אנקומען צו די ראי' פון "אין מנהל לה". ווארום ווען ס'וועלט ניט געווען קיין ראי' פון אין מנהל לה אז מנהל מיינט מנהיג, וואלט מען ניט געזאגט אז דער פסוק על מי מנוחות ינהלני מיינט אן ענין של הנהגה, נאר מ'וואלט מפרש געווען בדוחק אז דאס מיינט אן ענין של הליכה.

ע"ד ווי ס'שטייט פריער בנאות דשא ירביצני, וואס דאס מיינט דאך אז עד וועט מיר ברייגנען צו דעם נאות דשא – אן ענין של הליכה, וואלט מען געזאגט בדוחק אז על מי מנוחות ינהלני מיינט אויך אז ער וועט מיר ברייגנען – כל' הליכה – ער וועט גיין מיט מיר – צו מי מנוחות, וואלט מען ניט געהאט קיין ראי' אז דאס מיינט אן ענין של הנהגה.

אבער נאך דעם וואס ס'איז דא א ראי' פון אין מנהל לה אז מנהל מיינט דעם ענין פון הנהגה, איז בעסער אפטייטשן דעם פסוק על מי מנוחות ינהלני – בהרחבה און בפשטות – אז דאס מיינט דעם ענין פון הנהגה, ווי צו אפטייטשן דאס בדוחק אז דאס איז אן ענין של הליכה. און נאך דעם וואס מ'ווייסט שוין אז על מי מנוחות ינהלני מיינט אויך דעם ענין פון הנהגה, איז דא א ראי' פון דארטן אז אויך שתי'

- קען -

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>

קען מען זאגן דעם לשון הנהגה, און דערפון איז אויך מובן בנוגע צו אכילה כנ"ל.

און דאס וואס רש"י ברענגט ניט די ראי' פון דעם פסוק "על מבועי מים ינהלם" (וכנ"ל אז דאס איז דאך דער זעלבער לשון אזוי ווי אין אונזער פרשה, דער גאנצער חילוק איז נאר אז אין אונזער פרשה שטייט דער ווארט מיט א וא"ו המוסיף) וואס דארטן רעדט זיך דאך אויך וועגן אן ענין פון שתי' (וממילא גם אכילה) - "מבועי <u>מים</u>" -

איז דער ביאור אין דעם: אין הנהגה קען זיין כמה אופנים; א הנהגה לטובה, א פארעווע הנהגה, א הנהגה לרעה. איז פון דעם פסוק "על מבועי מים ינהלם" קען מען ניט וויסן צי דאס איז א הנהגה לטובה, אדער גאר א הנהגה לרעה, און דערפאר ברענגט רש"י די ראי' פון "על מי מנוחות ינהלני", וואס דארטן זעט מען אז דאס איז א הנהגה אין אן אופן פון "מנוחות" - א הנהגה לטובה, און דערפון איז אויך פאר-שטאנדיק בנוגע לנדו"ד, אז הנהגת יוסף מיט די מצריים איז געווען א הנהגה לטובה.

און דאס וואס רש"י זאגט וינהלם כמו וינהגם, מיינט ניט רש"י צו זאגן אז דאס איז פונקט ווי ס'וואלט שטיין אין פסוק וינהגם, דערפאר וואס דער ל' בייט זיך מיט א ג' - ווארום דאס איז א דבר חידוש, מ'געפינט ניט אז ל' זאל זיך בייטן אויף ג', די אותיות פון דעם זעלבן מוצא בייטן זיך וכו', אבער ניט ל' מיט ג'. נאר רש"י מיינט אז דער פירוש דא איז ע"ד ווי ס'שטייט אין תהלים (עח,נא) "<u>וינהגם</u> כעדר במדבר", ועד"ז איז אויך דער פירוש דא אין וינהלם.

און דא זעט מען אויך דעם טעות פון דעם בחור הזעצער, אז אויף די פסוקים אין מנהל לה, און על מי מנוחות ינהלני, צייכנט ער צו דעם מ"מ, אבער אויף וינהגם ברענגט ער ניט קיין מ"מ, ווארום ער האט געמיינט אז רש"י מיינט צו זאגן אז די אותיות ל' און ג' בייטן זיך, דער אמת איז אבער אז רש"י'ס כוונה איז צום לשון הפסוק "וינהגם כעדר במדבר".

און דאס וואס רש"י איז דא ניט שולל דעם פירוש התרגום אע"פ אז אין בשלח איז ער דאס שולל, איז דער ביאור אין דעם: אין בשלח איז דא אן ארט צו לערנען אזוי ווי דער תרגום, דערפאר דארף דאס רש"י שולל זיין, משא"כ דא קען מען ניט לערנען אזוי ווי תרגום - "וזנינון", אז ער האט זיי געגעבן לחם, ווארום דאס שטייט דאך שוין פריער "ויתן להם יוסף לחם", איז אויב מ'וועט זאגן אזוי ווי דער תרגום אז דער פי' פון וינהלם איז וזנינון, איז ניט פארשטאנדיק צוליב וואס דארף שטיין נאכאמאל אז יוסף האט זיי געגעבן לחם, און וויבאלד אז מ'קען ניט לערנען אזוי ווי דער תרגום, דארף דאס רש"י אפי' ניט שולל זיין.

און דאס וואס אין בשלח זאגט רש"י "ל' מנהל", און ניט אזוי ווי דא "כמו נהגת", און לכאו' האט ער דאך געקענט ברענגען א ראי' דערצו פון א פסוק אין ישעי' (סג, יד) "כבהמה .. נהגה עמך", איז דער ביאור אין דעם: פון דארטן איז גאר א ראי' לסתור, ווארום דארטן שטייט נהגה - בחיריק, און דא שטייט נהלת - בצירי, איז אויב די כוונה דא איז אזוי ווי אין דעם פסוק "נהגת" פון ישעי', האט געדארפט שטיין נהלת - בחיריק, וואס דערפאר זאגט ניט רש"י כמו נהגה, נאר ל' בנהל.

- (מכאן) -

<u>הנחה הת' בלתי מוגה</u>